ראַווינ׳ס

אילוסטרירטע קינדער-ביבליאטעק

№ 9.

מעשה׳לאך № 2

י. ראווין.

מעשה׳לאך שיינע

פאר קינדערלאך קליינע.

:: פארלאג ::

„פאר אונזער קליינווארג“

לאָדזש 1921

109

ראווינ'ס

אילוסטרירטע קינדער-ביבליאטעק

№ 9.

מעשה'לאך № 2

י. ראווין.

מעשה'לאך שיינע

פאר קינדערלאך קליינע.

פארלאג

„פאר אונזער קליינוואַרג"

לאדזש 1921

כאטש קליין, דאך מיין: ....

J. RAWIN

Ładne bajeczki.

Tłocznia „KULTURA", Łódź, Cegielniana 10.

דער רעטאַך.

הערט זיך איין — אַמאָל ניט יעצט
האָט דער זיידעשי פאַרזעצט
רעטאַך ביי זיין הויז;
גייט אַוועק אַ ביסל צייט,
ווערט פון רעטאַכל אַ לייט,
וואַקסט... אַזוי די גרויס!
פון דער שמחה אויסער זיך,
קומט דער זיידעשי אויף גיך,
ברענגט מיט זיך אַ קויש.
שלעפט אַהין און שלעפט אַהער...
דאָך אומזיסט! עס גייט צו שווער
פון דער ערד אַרויס.

רופט דער זיידעשי גאַנץ הויך:
„באָבע יאָכע העלף מיר אויך!” —
רייסן איצט שוין צוויי;
וויפל כוח נאָר פאַראַן

שלעפֿן ביידע ווי איין מאַן,
דאָך אומזיסט — אָי וויי!

שרייט די באָבעשי גאַנץ הויך:
„מירקע — איינינקל קום אויף!"
שלעפֿן אַלע דריי:
זיידעשי דעם רעטאַך ציט,
באָבעשי שלעפּט ביידן מיט,
מירקעניו דערביי,
שלעפֿן אַלע ווי איין מאַן,
וויפל כּוח נאָר פֿאַראַן,

הײדאַ... אײנס און צװײ...
שלעפּ אַהין און שלעפּ אַהער —
נײן, עס גײט נאָך אַלץ צו שװער!
אַלץ אומזיסט — אָי װײ!

רופט דאַן מירקעניו דעם הונט,
פײל פֿון בױגן גלײך ער קומט,
שלעפּן אַלע פיר:
זײדעשי דעם רעטאַך ציט,
באָבעשי שלעפּט בײדן מיט
מירקע הינטער איר;
ס'הינטעלע פאַר מירקעס קלײד
כאַפּט זיך אָן און שלעפּט מיט פרײד,

היידאַ... איינס און צוויי...
שלעפ אַהין און שלעפ אַהער —
ניין עס איז נאָך אַלץ צו שווער,
אַלץ אומזיסט... אָי וויי!

רופט דער הונט די קיזי־קיץ,
קיזי קומט און העלפט מיט היץ —
פינף שוין האָבן מיר:
זיידעשי דעם רעטאַך ציט,
באָבעשי שלעפטביידן מיט,
מירקע הינטער איר,
ס'הינטעלע פאַר מירקעס קלייד,
קיזעלע שלעפט אויך מיט פרייד,
היידאַ... איינס און צוויי...
שלעפ אַהין און שלעפ אַהער —
ניין, עס גייט נאָך אַלץ צו שווער,
אַלץ אומזיסט... אָי וויי!

רופט דאַן קיזעלע די מויז,
קומט שאַרפציינדעלע אַרויס —

זעקס שוין האָבן מיר:
זיידעשי דעם רעטאַך ציט,
באָבעשי שלעפּט ביידן מיט.
מירקע הינטער איר,
ס׳הינטעלע פאַר מירקעס קלייד,
קיזעלע שלעפּט אויך מיט פרייד,
גאָר צולעצט די מויז —
שלעפּ אַהין און שלעפּ אַהער...
גיט דער רעטאַך זיך אַ קער,
פּוץ! — און שפּרינגט אַרויס!

זיידע, באָבע, מירקע אויך,
פאַלען אום און לאַכן הויך:

כאַ, כאַ, כאַ, כאַ, כאַ!

ס׳הינטל העלכט צו: האוּ, האוּ, האוּ!

קיזי מיאוּקעט מיאוּ, מיאוּ, מיאוּ!

ס׳מייזעלע... אַהאַ!

אָט, אַ רעטאַך — טראַ — לאַ — לאַ!

דאָס גאָלדענע אייעלע.

דער זיידע מיט דער באָבן
אַ הינדעלע זיי האָבן, —
אַ הינדעלע פול חן,
אַ ראַבינקע אַליין.

די ראַבינקע די קליינע,
אַ שטיפערקע נאָר איינע,

אַהין, אַהער קוואָ, קוואָ —
אַן אייעלע איז דאָ!

אַן אייעלע אַ וואונדער,
אַ וואונדער גאָר באַזונדער —
ניט פּראָסט און ניט געמיין,
פון גאָלד נאָר עכט און ריין.

דער זיידע טוט זיך פרייען,
דאָס אייעלע אין צווייען
פרובט שפּאַלטן אין דער מיט...
אומזיסט — עס שפּאַלט זיך ניט.

די באָבע איז געקומען
און העלפן אים גענומען,



— זי קלאַפּט פון אין דער פרי
אומזיסט די גאַנצע מי!

(זיי מיינען מיט׳ן קלאָפּן
דאָס געלכל צו דערטאַפּן,
אודאי אַ דימאַנט
און אפשר אַ בריליאַנט)!

נאָר ס׳קלאַפּן האָט דערעסן,
און ביידע גייען עסן.

אַוועק די אַלטע פּאָר.
דערוויייל וואָס קומט דאָ פּאָר?

פון אונטער דיל פון הייזל
קומט אָן אַ פלינקע מייזל, —
דאָס עקעלע אַ דריי
פאַרבײַ דער גאָלדנער איי

און הויבט זי אָן צו רירן,
צו רירן און צו פירן
ביז... טראַך! — צוּבּרעכט, אָי וויי!
אויף פּיצעלעך דאָס איי.

דעם זיידנס אויגן גיסן,
דער באָבּעס אויגן פליסן
מיט טרערעלאַך גאָר פיל
אין ווינקעלע גאַנץ שטיל.

קומט ראַבּינקע, טרייסט בּיידן
די בּאָבּע און דעם זיידן:

„דו, זיידעשי, ניט וויין,
„דו, באָבעשי, ניט וויין!

„איך וועל פון אייערטוועגן
„אַן אייעלע באַלד לייגן,
„און יעצט שוין ניט פון גאָלד,
„נאָר ווייס, ווי איר האָט האָלט.

„אַן אייעלע געראָטן
„צום קאָכן און צום בראָטן,
„זי איז שוין קוואָ, קוואָ גרייט —
„נו, עסט געזונטערהייט”!

אויך מיר פריינד.

איינס און צוויי און דריי און... דוקס!
ביי אַ באָטשאַן מיט אַ פוקס
האָט אַ פריינדשאַפֿט זיך פֿאַרפירט;
כ׳ווייס ניט, ווען דאָס האָט פּאַסירט,

נאָר זיי לעבן ווי די פריינד
ניט פון נעכטן, ניט פֿון היינט.

גיט אַמאָל אַ זאָג דער פוקס
צו זיין פריינד דעם באָטשאַן — „דוקס!

„קום אַמאָל צו גאַסט צו מיר,
„כבוד האָב איך גרייט פאַר דיר."
ענטפערט אָפּ דער באָטשאַן: „גוט!"
און דער כיטרער פוקס וואָס טוט?

קומט צו זיך נאָר אין זיין הויז,
מאַנע־קאַשע קאָכט ער אויס
און אויף טעלער דין צושמירט.
קומט דער גאַסט — דער פוקס אים פירט

גלייך צום טיש — „פאַרזוך, מיין גאָלד,
„מאַנע־קאַשקע האָסטו האָלט?!
„ס'איז אויף פּוטער, מילך און... זיס,
„נו ניט וואַרט, מיין קרוין, געניס!"

אונזער באָטשאַן קלאַפּ און קלאַפּ
איבּער טעלער — נאָר קיין קאַפּ
האָט זיין שנאָבּל ניט דערשמעקט.

און דערווייל די קאַשע לעקט

גאָר בּנעימות'דיק דער פוקס.
אויפגעגעסן, זאָגט ער — „דוקס!
„האָבּ ניט קיין פאַראיבּל, פריינד,
„מער קיין כּבוד האָבּ איך היינט!

— אַך, אַ דאַנק עס מאַכט ניט אויס,
„מאָרגן קום צו מיר אַרויס”

און אַהיים דער באָטשאַן גייט.
דאָרטן האָט ער צוגעגרייט

מאַנע־קאַשע אין אַ טאָפּ
מיט אַ שמאָלן, שמאָלן קאָפּ.
קומט דער פוקס — (איז הונגריק שטאַרק) —
זעסט, מיין פריינד, איך בין ניט קאַרג,

זאָגט דער באָטשאַן, — דיר צוליב
„גרייט איך צו, וואָס דו האָסט ליב:
„מאַנע־קאַשקע — אַך, ווי וואויל,
„אַך, אַ מאַכל — נעם אין מויל!

„ווערסט הנאה האָבן, פריינד,
„כ׳האָב אַליין געקאָכט זי היינט.״
גייט דער פוקס אַרום דעם טאָפּ
שטופּט אַהער, אַהין זיין קאָפּ,

ס׳גייט ניט... און די קאַשע שמעקט...
און זיין הונגער שטאַרקער וועקט.

שפּייעכטס רינט אים שוין פון מויל.
און דער באָטשאַן איז ניט פויל,

שטופּט זיין שנאָבל אָפּט אַריין,
ווידער, אָבער, אויס און איין,
ביז די קאַשע ניט פאַרשווינדט.
פיקסל קוקט און ניט פאַרגינט.

און דער באָטשאַן גיט אַ זאָג:
דאָס איז אַלץ וואָס איך פאַרמאָג.

האָב ניט קיין פאַראיבל, פריינד,
קענסט דעם שפריכוואָרט, ווי מיר שיינט:
„ווי מע רעדט, אַזוי קלינגט אָפּ!"
שטאַרק אין כעס טראָגט זיך אָפּ
שנעל דער פוקס — און ביידע פריינד?...
אויס! — פון דאַן זיי זיינען פיינד!

דער

רעטאך.

דאס גאלדע=

נע אייעלע.

אויך איר פריינד.

אין פערזן באארבעט נאך

רוסישע פאלקסמעשה'לאך.

פאַרלאַג

„פאַר אונזער קליינוואַרג".

לאָדזש.

שוין ערשינען:

№ 1 י. ראַווין — רויטהיטעלע — אַ פּיעסע פאַר קליינע קינדער

№ 2 י. ראַווין — פאַר די קליינטשיגע — לידער און געדי[illegible]

№ 3—4 י. ראַווין — מגלת אסתר — אין פערזן אילוסטרירט — ל. ראָזענב[illegible]

№ 5 י. ראַווין — די קינדערוועלט — — אַ בילדער-בוך מיט סילועטן-בילדער פון באַוואוסטע קינסטלער

№ 6—7 י. ראַווין — ווייסשנייעלע — אַ פּיעסע אין פערזן, מיט געזאַנג און טענץ

№ 8 י. ראַווין — בערעלע און פערעלע — אַ פּיעסע אין פערזן פאַר קליינע קינדער

№ 9 י. ראַווין — מעשה'לעך שיינע פאַר קינדערלעך קליינע

אַלע ביכעלעך רייך אילוסטרירט מיט סילועטן-בילדער און וויניעטן.

אינגיכן ערשיינען ווייטערדיקע ביכעלעך.

וועגן אַלע ענינים ווענדן זיך צו:

J. Rawin, Łódź, Pańska 85

הויפּטפאַרקויף:

אין וואַרשע — מ. י. פרייד.

אין ווילנע — צענטראַלע שול-אָרגאַניזאַציע.